ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פון חִיזוק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דורְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ

תשפ"ג

315

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס אִיז דִי חִילוּק צְווִישְׁן זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן הָאבְּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ?..............ב
וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ אִין שְׁטוּב צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אָן קַיין אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת?..........ה
וָואס זִיךְ פָּארְנֶעמֶען, אַז מַיין וַוייבּ שְׁמִידְט נִישְׁט דִי נֶעגְל אוּן שֶׁערְט דִי הָאר? .........ו
אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ אוֹיבּ זִי ווִיל זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה? ....................י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

לֶערְנֶען אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק ....................א
בְּלַייבְּן צוּגֶעקְנִיפְּט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.............................א
שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, אָבֶער עֶס לוֹינְט...........ב
וִויכְטִיגֶע פְּרָטִים בְּנוֹגֵעַ דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה .............................ה
חֲתוּנָה מַאכְן אָן חוֹבוֹת...............................................................................ו
מֶען נֶעמְט דִיךְ נִישְׁט אָן אַלְס מְלַמֵד, וַוייל דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר......................ז
אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף אַ בִּזָיוֹן, זוֹיבֶּערְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ ..................................ח
אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ אֲרִיכוּת יָמִים.........................ח
גֵיין רֶעדְן אִין שׁוּלֶעס וָואס אִיז אֱלוּל אוּן וָואס אִיז תְּשׁוּבָה .............................ט
זַיין אַ מְלַמֵד אִיז הַיינְט דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה וָואס אִיז דָא.............................י
דִי קְלִיפּוֹת ווִילְן נִישְׁט נָאךְ אַ נְשָׁמָה זָאל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם צַדִיק.................יא
אַז דוּ פָּארְסְט אוֹיף אוּמַאן, בִּיסְטוּ נִישְׁט קַיין רוֹדֵף ....................................יב
גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, גְלֵייבּ וַוייטֶער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין תְּפִלָּה ....................יג

גָארְנִישְׁט מַאכְן אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים ............................ יג

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שׁוּם שִׁידוּךְ ................................יד

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, פִיר מִיךְ אוֹיפְן אֶמֶת'ן וֶועג ................................ טו

אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְּרֵיילִיךְ שַׁבָּת, וֶועסְטוּ אַלֶעס מְתַקֵן זַיין פוּנֶעם גַאנְצְן יָאר ............ טז

אִין דִי אֱלוּל טֶעג דַארְף מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שִׂמְחָה אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ................ טז

וָואס טוּט מֶען בַּיים אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן?................... יט

בֶּענְקֶען, גְלוּסְטְן, אוּן הָאפְן, אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן ..................כ

קוּם קַיין אוּמַאן, פוּן וֶועם הָאסְטוּ מוֹרָא?................................................ כא

וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ לָאזְט נִישְׁט פָּארְן קַיין אוּמַאן?...........................כב

אַ מַעֲמָד הַסִיוּמִים אִין אוּמַאן ........................................................ כג

וֵויין בַּיים צִיוּן גֶעוַראטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּנֶעם בְּרֶענֶענְדִיגְן יֵצֶר הָרָע....................כו

קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, אָבֶּער נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת ...................כז

מִיטְנֶעמֶען דִי שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער קַיין אוּמַאן ...................................כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

### וָואס אִיז דִי חִילּוּק צְווִישְׁן זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן הָאבְּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק, דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס גֶעבְּן אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוּן לֶערְנֶען אוֹיס אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל פַאר יֶעדֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן ווִי אַזוֹי מֶען ווֵייסְט דִי חִילּוּק צְווִישְׁן זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן הָאבְּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ. ווַייל זַיין טְרוֹיעֶרִיג טָאר מֶען נִישְׁט, אוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיידֶער אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מְקוּרָב הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז זַיין טְרוֹיעֶרִיג אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, ווַייל וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין בִּין אִיךְ מֶער עֶרְנְסְט אוּן אִיךְ פִיל מִיךְ נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אִיךְ פְלֶעג אַסַאךְ וֵויינֶען, אִיךְ ווֵייס אֲפִילוּ נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ פַארְוָואס, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זַייט אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, טוּ אִיךְ דָאס שׁוֹין נִישְׁט. אָבֶער אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר טֶעג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וֶועגְן אַפָּאר סִיבּוֹת וָואס דְרוּקְן מִיר אוֹיפְן הַארְץ, אֵיינְס פוּן זֵיי אַז אִיךְ דַארְף שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין אַ גַאנְצְן צַייט גֶעוֶוען מֶער שְׁטִיל, קוֹים גֶעשְׁמֵייכְלְט, אוּן בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוויין, וָואס גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן וֵויינֶען.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט ווַייל אִיךְ פִיל זִיךְ אַסַאךְ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַזַא מַצָּב, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווֵייס אִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶער

ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט נָאךְ פוּן מוֹהֲרָא"ש אַז וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִשְׁט וֶוער עֶס אִיז טְרוֹיעֶרִיג. אִיךְ וֶועל מִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה קֶען דָאס אוֹיסְקְלָארְן, וַוייל דָאס אַלֵיין מַאכְט מִיר נָאךְ שְׁוֶוערֶער אוֹיפְן הַארְץ אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען וֵוייסְט אוֹיב מֶען הָאט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אָדֶער אִיז מֶען בְּעַצְבוּת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעבְּרָאכְן אִיז צְוֵויי זַאכְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן מא): ״לֵב נִשְׁבָּר וְעַצְבוּת אֵינוֹ עִנְיָן אֶחָד כְּלָל״, אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוּן אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער - אִיז נִשְׁט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, ״כִּי לֵב נִשְׁבָּר הוּא בַּלֵב״, אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אִיז בַּיים הַארְץ, ״אֲבָל עַצְבוּת הוּא בָּא מִן הַטְּחוֹל״, אָבֶער דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט אִיז פוּן דִי מִילְץ, ״וְעַצְבוּת שֶׁהוּא מֵהַטְּחוֹל, הִיא סִטְרָא אַחֲרָא״, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ וָואס קוּמְט פוּן דִי מִילְץ אִיז פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן דִי קְדוּשָׁה, ״וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שׂוֹנֵא אוֹתָהּ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַּיינְט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת הָאט עֶר נִשְׁט צוּטוּן מִיט קְדוּשָׁה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

ווִי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיב מֶען אִיז בַּיי אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אָדֶער אִיז מֶען דֶעפְּרֶעסְט? אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אִיז נִשְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף קֵיינֶעם, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַ דֶעפְּרֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם. מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (שָׁם סִימָן מב; רלא): ״וָואס אִיז דֶער חִילוּק פוּן אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוּן עַצְבוּת?״ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת אוּן בְּמָרָה שְׁחוֹרָה אִיז מֶען בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אַלֶעמֶען, אָבֶער וֶוען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אִיז מֶען נִשְׁט בְּרוֹגֶז, נָאר מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר וְכוּ׳״, אוּן בִּשְׁעַת

דֶער רֶבִּי הָאט מִיט זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעדְרֵייט פוּן זֵיי, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט אוּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר".**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צִיט צוּ עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, עֶס צִיט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "כִּי טֶבַע הָאָדָם לִמְשֹׁךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן, וְכָל אָדָם מָלֵא יִסּוּרִים", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן אִין לֶעבְּן וָואס מַאכְט אִים דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צוּגֶעלֵייגְט, "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל וַאֲפִילוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁטוּתָא", דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע זַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר - אֲפִילוּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אוּן דוּרְךְ שִׂמְחָה קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן מִיט אַן אֱמֶת. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז דֶער סִימָן זִיךְ צוּ מֶעסְטְן אוֹיבּ מֶען אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה אָדֶער בַּיי דִי טוּמְאָה חַס וְשָׁלוֹם, מֶען זָאל קוּקְן אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ; וַוייל שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, דֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ - דֶער אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה, דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן תְּשׁוּבָה, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען אִיז בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה - אִיז מֶען בַּיי דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן מֶען דַארְף שְׁנֶעל תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָ׳ סה, כה): "וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ", עָפָר דָאס אִיז עַצְבוּת וְעַצְלוּת, וָואס דָאס קוּמְט פוּנֶעם יְסוֹד הֶעָפָר (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קפט).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ אִין שְׁטוּב צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אָן קַיין אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּעִנְיְנֵי בֵּינוֹ לְבֵינָהּ, זִיךְ צוּ פִירְן לוֹיט ווִי דִי הֲלָכָה ווָאס דֶער רְמָ"א פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט נָאכְגֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן כְּרִיתוּת; ווָאס טוּ אִיךְ אָבֶּער אַז רוֹב הֵיימִישֶׁע מַדְרִיכִים לַחֲתָנִים וְכַלּוֹת לֶערְנֶען אַנְדֶערְשׁ, ווֶען מַיין ווַייבּ פְרֶעגְט אִיר מַדְרִיכָה אִיבֶּער הַדְרָכָה אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, ווִיל זִי נָאר אִיר אִיבֶּערְלָאזְן מִיט שׁוּלְד גֶעפִילְן אַז מֶען טוּט דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דִי מַדְרֵיגָה פוּן מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת; ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַז מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען פִירְן ווִי פָּשׁוּטְ'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, לוֹיט ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַנְטְלוֹיף פוּן פְּרִישׁוּת, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין פְּרִישׁוּת; מֶען דַארְף נָאר גֵיין אִין דִי ווֶעג פוּן דִי תּוֹרָה, טוּן ווָאס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם חֲזוֹן אִישׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה ווָאס אִיז הַיינְט דֶער אוּרִים וְתוּמִים, ווִי קֶען מֶען הַיינְט ווִיסְן יָא אָדֶער נֵיין; הָאט דֶער חֲזוֹן אִישׁ גֶעזָאגְט: "דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִיז דֶער אוּרִים וְתוּמִים, דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט יָא אָדֶער נֵיין".

מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת

וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וָוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זֶענֶען בִּכְלָל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר 'וְחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָמוּת בָּהֶם', כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען אַלְץ מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג אִין סְפֵיקוֹת אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וָואס זִיךְ פָארְנֶעמֶען, אַז מַיין וַוייבּ שְׁמִירְט נִישְׁט דִי נֶעגְל אוּן שֶׁערְט דִי הָאר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ קֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז מַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁמִירְן אִירֶע נֶעגְל, אוּן בְּקָרוֹב גֵייט זִי זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר.

שְׁכֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי שֵׂכֶל וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ אִיר פוּן דֶעם, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶס שְׁטֶערְט אִיר וֶוען אִיךְ רֶעד פוּן דֶעם, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו].

איך וויל פְרֶעגְן אויב דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיך גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס איך קֶען מְקַבֵּל זַיין אוֹיף מִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם זִיךְ פָאר צוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה אוּן הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָאס אַזוֹי גְרִינְג צוּ מְקַיֵּים זַיין; מֶען קֶען זִיצְן אִין שְׁטוּבּ בַּאקְוֶועם אוּן רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי אַזוֹי מְחַיֶּ׳ זַיין, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם טוּט מֶען דָאס נִישְׁט.

מוֹהֲרַא״ש דֶערְצֵיילְט (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן פא) אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פָארְן צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן קַיין מֶעזִיבּוּז מִפַּעַם לְפַעַם, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט וַוייט פוּן זֵיי; פוּן וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוּסְיַאטִין בִּיז וואוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין מֶעזִיבּוּז - אִיז בְּעֶרֶךְ דְרֵיי הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער, דָאס אִיז בְּעֶרֶךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל, דָאךְ פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי פָארְן צוּ זֵיי; דֶעמָאלְט פָארְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ווִי הַיינְט מִיט אַ קַאר, מֶען אִיז גֶעפָארְן מִיט פֶערְד אוּן וָואגְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען יֶענְץ גֶעשֶׁעפְט, אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע וֶועג; אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ פַארְשֶׁעמְטֶע זַאךְ נִישְׁט צוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג.

ווִילְסְט אַ גוּטֶע קַבָּלָה? נֶעם זִיךְ פָאר דִי קַבָּלָה, רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג. מוֹהֲרַא״ש פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג גְלַייךְ נָאךְ שַׁחֲרִית רוּפְן זַיין טַאטֶע; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אַז מֶען הָאט נִישְׁט פוּן וָואס צוּ רֶעדְן, מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן לַאנְג; מֶען פְרֶעגְט זִיךְ נָאךְ אוֹיף זֵיי, מֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן זִיךְ, פוּן דִי מִשְׁפָּחָה אוּן מֶען קוֹיפְט זִיךְ אַיין עוֹלָם הַבָּא.

גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוּן חַס וְשָׁלוֹם פוּן

מַחֲלֹקֶת, עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ הֶערְן קְרֶעכְצְן וְכוּ'; יֶעצְט אִיז דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף זֵיי בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**מִיט דִי דְרַיי פּוּנְקְטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ פּוֹעֶל'ן בַּיי דַיין וַוייבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ד שׁוֹבָבִי"ם, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען וִויל פּוֹעֶל'ן בַּיי דִי וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן וְכַדוֹמֶה דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי זַאךְ, נִישְׁט פוּן דִי שְׁוֶועריְקֵייט וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אוּן פוּן גֵיהִנוֹם וְכַדוֹמֶה; אַז מֶען רֶעדְט פוּן עוֹנְשִׁים אוּן פוּן גֵיהִנוֹם טוּט מֶען נִישְׁט אוֹיף, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, וֶועלְן דִי וֶוערְטֶער אַרַיינְגֵיין אִין אִיר הַארְץ.

רֶעד צוּ אִיר אַז שֵׁיין אִיז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, שֵׁיין אִיז וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, אַ צוּגֶעדֶעקְטֶע קָאפּ פַאר אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע פְרוֹי אִיז שֵׁיין, אַז נִישְׁט וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָאס נִישְׁט גֶעזָאגְט אוּנְז צוּ טוּן, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז שֵׁיין אוּן זִיס; נָאר וָואס דֶען, מִיר זֶענֶען אִין אַ טִיפֶער גָּלוּת, דֶער גָּלוּת אִיז אַז מִיר קוּקְן אָן דִי תּוֹרָה וִוי אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א) דֶער וָואס זָאגְט: "יֵשׁ תּוֹרָה, וְאֵינִי סוֹפְנָהּ", עֶס אִיז אֱמֶת דִי תּוֹרָה, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר צוּ שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי תּוֹרָה, עֶס אִיז מִיר אַ לַאסְט - אִיז זַייעֶר הַארְבּ זַיין שְׁטְרָאף; דָאס אִיז דֶער גָּלוּת, אַז מִיר מֵיינֶען, וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם - דָאס אִיז שֵׁיין; אִיז דָאס דֶען שֵׁיין? קֶען דֶען זַיין אַז פְּרִיצוּת אִיז שֵׁיין? קֶען דֶען זַיין אַז קוּרְצֶע קְלֵיידֶער,

גֶעפַּאסְטֶע קְלֵיידֶער, אוֹיסְגֶעשְׁנִיטֶענֶע קְלֵיידֶער זָאלְן זַיין שֵׁיין? עֶס אִיז דָאךְ קֶעגְן דִי תּוֹרָה, קֶען דָאס נִישְׁט זַיין שֵׁיין! אֶלָּא מַאי, אַז מֶען שְׁפִּירְט וִוי עֶס צִיט צוּ דֶעם, מוּז זַיין אַז מִיר זֶענֶען אַבִּיסְל אַוֶועק פוּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, וַוייל שֵׁיין אִיז זִיכֶער נָאר וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט אַז עֶס אִיז שֵׁיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פְּרֶעגְן (נָזִיר ב:) וִוי קֶען מֶען זָאגְן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט "אֶהֱא נָאֶה", אִיךְ וִויל זַיין שֵׁיין - "הֲרֵי זֶה נָזִיר", אַז עֶר וֶוערְט אַ נָזִיר? אוֹיב צוּ זַיין אַ נָזִיר אִיז נִישְׁט קַיין לְכַתְּחִילָה, עֶס אִיז אַן עֲבֵירָה - קֶען דָאס נִישְׁט זַיין שֵׁיין! קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט 'אִיךְ וִויל זַיין שֵׁיין' אַז עֶר זָאל וֶוערְן אַ נָזִיר! אַזוֹי אוֹיךְ מִיט אַלֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גוּט, קֶען נִישְׁט זַיין שֵׁיין; שֵׁיין אִיז נָאר דִי תּוֹרָה.

רֶעד צוּ אִיר וֵוייכֶע וֶוערְטֶער אוּן זֵיי גְרֵייט אַז עֶס קֶען נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בֵּייז אַז דִי הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, וֶועסְטוּ מִיט דֶער צַייט פּוֹעֵלְ'ן.

אִיךְ הַאלְט מִיט זֵייעֶר אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֵייעֶר שְׁטוּב הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי עֶס גֵייט חָרוּב וֶוערְן וֶוען דִי וַוייבּ הָאט בַּאקוּמֶען נִישְׁט דִי בֶּעסְטֶע חַבֶרְ'טֶעס, אוּן זֵיי - מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי דְרֵיי פּוּנְקְטְן: עֶרְשְׁטְנְס, רֶעדְן שֵׁיין. צְוֵוייטְנְס, זַיין גְרֵייט אַז עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט. דְרִיטְנְס, נִישְׁט אָפְּקִילְן דִי לִיבְּשַׁאפְט אוֹיבּ זִי וִויל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, נָאר אִיר וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ - הָאבְּן זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט זֵייעֶר שְׁטוּבּ.

נֶעכְטְן שְׁרַייבְּט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן אַז זַיין וַוייבּ אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם אוּן זִי זָאגְט אַז זִי וִויל מֶער נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, זִי הָאט גֶעהֶערְט וִוי מֶען רֶעדְט אַזוֹי שֵׁיין פוּן דָאס נִישְׁט טוּן. וָואס הָאט מֶען גֶערֶעדְט? מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן נִישְׁט זָאגְן מוּסָר. אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט בַּיים שִׁיעוּר (דִי שִׁיעוּרִים גֶעבּ אִיךְ נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיךְ זָאג דָאס אַרַיין פוּן פָאְרְאוֹיס אוּן מֶען הֶערְט דָאס בַּיי דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם) וִויפִיל מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן אוּן אוֹיפְגֶעהֶערְט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל - נִישְׁט דוּרְךְ מוּסָר, נִישְׁט דוּרְךְ זֵיי זָאגְן: "בִּיסְט אַ שִׁיקְסֶע!" "בִּיסְט אַ פְּרִיצָה!" נָאר

דוּרְךְ רֶעדְן שֵׁיין און הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, און וַוייטֶער זוּכְן דָאס גוּטְס, מַמָּשׁ מִיט דִי עֵצָה פוּן אֲזַמְּרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָּן רפב).

בְּרוּדֶער, פַארְשְׁטֵיי גוּט וְוי אַזוֹי מֶען קֶען דוּרְךְ לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם און הָאבְּן אַ גוּטֶע זִיסֶע לֶעבְּן, אָן קַיין שׁוּם קְרִיגֶערֵייעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

## אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ אוֹיבּ זִי וִויל זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי דְרָשׁוֹת און בְּרִיוו. אִיךְ שְׁרַייבּ צוּמָאל שְׁאֵלוֹת צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶער אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט אַלְץ אַן עֶנְטְפֶער. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען און קֶען נִישְׁט אַלְץ עֶנְטְפֶערְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, צְוֵויי און צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, און אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וְוי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז אַ פְּרוֹי זָאל זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה; וְויל אִיךְ וִויסְן, אַזוֹי וְוי מֶען טְרָאגְט מִיר אָן אַ שִׁידוּךְ אַ סְפַרְדִי'שֶׁע מֵיידְל וָואס בַּיי זֵיי שֶׁערְט מֶען זִיךְ נִישְׁט נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוֹיבּ אִיךְ זָאל אָפְּזָאגְן דֶעם שִׁידוּךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי און אַוַדַאי זָאלְסְטוּ מַאכְן דִי שִׁידוּךְ, מֶען אִיז נִישְׁט מְבַטֵל אַ שִׁידוּךְ

צוּלִיב דֶעם אַז דִי מֵיידְל וִויל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן, בִּפְרַט וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין אִיבֶּער דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין כט:): "עַד עֶשְׂרִים שָׁנָה יוֹשֵׁב הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וּמְצַפֶּה לְאָדָם מָתַי יִשָּׂא אִשָּׁה", בִּיז דִי צְוָואנְצִיג יָאר שְׁטֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן וַוארְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, "כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ עֶשְׂרִים וְלֹא נָשָׂא, אוֹמֵר תִּפַּח עַצְמוֹתָיו", אוּן אַז מֶען וֶוערְט צְוָואנְצִיג יָאר אוּן מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, 'דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, זָאלְן זַיינֶע בֵּיינֶער וֶוערְן אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן'; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי הַארְבּ עֶס אִיז צוּ וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ.

מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט מוֹהֲרָא"ש נָאךְ אַסַאךְ מֶער גֶערֶעדְט פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס שְׁנֶעלֶער אוּן וָואס גִיכֶער, צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית; נָאר אַז מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית.

גֵיי צוּם שִׁידוּךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט סַבְלָנוּת זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּב וָואס דִי וַוייבּ שֶׁערְט זִיךְ אוּן גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**לֶערְנֶען אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, וֶועט דִיךְ מַאכְן פַּאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**טַייעֶרֶער ...**

לֶערְן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַּאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**בְּלַייבְּן צוּגֶעקְנִיפְּט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן מַיין זוּן הָרַב שִׁמְעוֹן שְׁלִיטָ״א אִיז נֶעכְטְן אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָל טוֹב מִיט אַ טָאכְטֶער פוּן ר׳ אַבְרָהָם מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר. נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן יֵיטֶב לֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן הֵיילִיגְן תּוֹסֶפֶת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, סַיי מַיין זוּן דֶער חָתָן אוּן סַיי דִי כַּלָה - זֶענֶען בֵּיידֶע אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן יֵיטֶב לֵב אוּן תּוֹסֶפֶת יוֹם טוֹב; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת אוּן שִׂמְחָה בַּיי אוּנְז אַלֶע.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר. עֶס אִיז

וויכְטִיג צוּ קוּמֶען, עֶס אִיז וויכְטִיג זִיךְ צוּ הַאלְטְן מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶס אִיז וויכְטִיג נָאכְאַמָאל צוּ הֶערְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש. בִּפְרַט יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן - דַארְף מֶען זִיךְ פוּן פְרִישׁ בַּאנֵייעֶן צוּ טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; דָאס קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ זִיךְ הַאלְטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע חַבוּרָה פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אַ חַבוּרָה פוּן אֱמוּנָה, אַ חַבוּרָה פוּן זוּכְן אִין זִיךְ אוּן אִין אַ צְוֵוייטְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (פִּיּוּט אַקְדָּמוּת): "קְבִיעִין כֵּן תֶּהֱווּן, בְּהַנְהוּ חֲבוּרָתָא", זָאלְסְט בְּלַייבְּן צוּגֶעקְנִיפְּט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין חֵדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן גָארְנִישְׁט, זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן פוּן קֵיינֶעם, זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ'. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' לִיפָּא וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט אוּן מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען, שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שטו): "תָּמֵהַּ אֲנִי", עֶס ווָאוּנְדֶערְט מִיר, "אֵיךְ מַשְׁלִיכִים חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה כָּזוֹ", ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלָאזְן אַזַא בַּאלִיבְּטֶע חַבוּרָה?

אִיךְ וִויל דִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קֶענֶען מִיטְנֶעמֶען אַ קְלֵיין פֶּעקְל סְפָרִים קַיין אוּמַאן פַאר דִי מְפִיצִים; אִיךְ וֶועל דָאס אוֹיסְטֵיילְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת נָאךְ סְלִיחוֹת, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נֶעמֶען אֵיינְס אָדֶער מֶער - וֶועט דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע הִילְף פַאר דִי מְפִיצִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער עֶס לוֹינְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ ווִיל אַייךְ דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע נַייעֶס, מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבּ אִיךְ אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּן מִיט מַיין זוּן הָרַב שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר, מִיט אַ טָאכְטֶער פוּן ר׳ אַבְרָהָם מֹשֶׁה שְׁטְרַאסֶער נֵרוֹ יָאִיר. מַיין זוּן לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג צֶענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, מָה אָשִׁיב לַה׳, כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי, אִיךְ ווִינְטְשׁ אַייךְ אַלֶע, אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי לֶעצְטֶע פַּרְשִׁיּוֹת זֶענֶען כִּי תֵצֵא; מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּנֶעם יָאר, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע יָאר, יֶעצְט גֵייעֶן מִיר זִיךְ שׁוֹין גֶעזֶעגֶענֶען פוּן דִי יָאר אוּן מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

בְּנוֹגֵעַ דִי מְנִיעוֹת וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי זָאגְט עֶס מוּז אַזוֹי זַיין, עֶס מוּז זַיין מְנִיעוֹת לְהַגְדִּיל הַחֵשֶׁק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן סו) אַזוֹי ווִי מֶען ווַייזְט פַאר אַ קִינְד אַ גוּטֶע זַאךְ אוּן מֶען בַּאהַאלְט עֶס גְלַייךְ, מֶען ווִיל אָנְרֵייצְן דֶעם קִינְד פַאר דִי גוּטֶע זַאךְ, מֶען ווַייזְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן מֶען בַּאהַאלְט עֶס נָאכְאַמָאל, אַזוֹי ווֶערְט דָאס קִינְד זֵייעֶר אָנְגֶערֵייצְט, אַזוֹי אוֹיךְ: "כָּל דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת", יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט מִיט דִי קְדוּשָּׁה, "כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק", צוּם בֵּיישְׁפִּיל מֶען ווִיל פָארְן צוּם צַדִּיק, "אוֹ שְׁאָר דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת", אָדֶער אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת וָואס מֶען דַארְף טוּן, "נוֹתְנִין לוֹ מִתְּחִלָּה חֵשֶׁק", בְּרֶענְגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גְלוּסְטֶענִישׁ, "כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יַעֲשֶׂה הַדָּבָר", אַזוֹי וֶועט עֶר דָאס טוּן, "וְעִקַּר גֹּדֶל הַחֵשֶׁק נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי הַמְּנִיעָה שֶׁמַּזְמִינִין לוֹ", אוּן דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען גֶעבְּן אַ גְלוּסְטֶענִישׁ פַארְן מֶענְטְשׁ - אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען מַאכְט אִים שְׁוֶועריקֵייטְן צוּ קֶענֶען טוּן דִי זַאךְ, "כִּי כְּשֶׁאִישׁ יִשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת דָּבָר הַצָּרִיךְ לוֹ לְיַהֲדוּתוֹ", ווַייל וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ טוּן עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, "בִּפְרָט כְּשֶׁצָּרִיךְ לוֹ לַעֲשׂוֹת דָּבָר גָּדוֹל הַצָּרִיךְ לְיַהֲדוּתוֹ", ווֶער רֶעדְט נָאךְ וֶוען

עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ טוּן אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פַאר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, "שֶׁכָּל יַהֲדוּתוֹ תָּלוּי בָּזֶה", וָואס דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם, "כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְצַדִּיק אֲמִתִּי", צוּם בֵּיישְׁפִּיל פָּארְן צוּם צַדִיק אֱמֶת, "אֲזַי מַזְמִינִין לוֹ מְנִיעָה", בְּרֶענְגְט מֶען פוּן הִימְל אַ שְׁטֶער זָאל אִים צוּרִיק הַאלְטְן פוּן קֶענֶען גֵיין צוּם צַדִיק, "וְזֹאת הַמְּנִיעָה הִיא בִּשְׁבִיל הַחֵשֶׁק", דָאס אִיז מִיט אֵיין כַּוָּנָה, דָאס אִיז נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק, "כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יִהְיֶה לוֹ חֵשֶׁק יוֹתֵר לַעֲשׂוֹת אוֹתוֹ הַדָּבָר", אַזוֹי בַּאקוּמְט עֶר נָאךְ מֶער גְלוּסְטֶענִישׁ, "כִּי עַל יְדֵי הַמְּנִיעָה שֶׁמּוֹנְעִין אֶת הָאָדָם מִן הַדָּבָר, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה הִתְגַּבְּרוּת הַחֵשֶׁק מְאֹד", וַוייל דוּרְךְ מְנִיעוֹת וִויל מֶען נָאךְ שְׁטֶערְקֶער אוּן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער.

גְלֵייבְּט מִיר, אַלֶע גֵייעֶן מִיר אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער עֶס לוֹינְט, עֶס אִיז אַלֶעס כְּדַאי צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אוּנְזֶער תִּיקוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. גֶעבְּט נָאר אַכְטוּנְג אוֹיף עֶנְקֶער שְׁלוֹם בַּיִת, גֶעבְּט אַכְטוּנְג וִוי אַזוֹי עֶנְק רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ אַ גַאנְץ יָאר. דֶער מְצִיאוּת אִיז, אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען רֶעדְט וֵוייךְ, מֶען רֶעדְט מִיט הַכְנָעָה אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ - וֶועט דִי וַוייבּ לָאזְן פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן, זִי וֶועט אוֹיךְ אַיינְפַּאקְן גוּטֶע גֶעבֶּעקְס אוּן שִׁיקְן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ.

טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין גָאר שְׁטַארְק, אִיךְ הָאף אַייךְ צוּ זֶען אִין אוּמַאן. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר וֶועט שְׁטֶערְקֶער צוּגֶעקְנִיפְּט צוּם רֶבִּי'ן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן טוּן דִי עֵצוֹת; בְּעִיקָר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אַוֶועק רַייסְן אַפָּאר מִינוּט אַ טָאג אִין אַ לֵיידִיגֶע שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ וֶוער נָאר וַוייטֶער פוּן דִיר, אִיךְ וִויל דָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר", אַז מֶען פָאלְגְט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, מֶען וֶוערְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף פָאר אִיךְ אַהֵיים פוּן שְׁטֶעטְל דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג. אִין יְשִׁיבָה אִין שְׁטָאט קֶען אִיךְ מִיטְהַאלְטְן וָואס טוּט זִיךְ בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל אוּן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוֹיךְ קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּ עֶנְק דוּרְכְן אוּנְטֶערְקָאם.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**ווִיכְטִיגֶע פְּרָטִים בְּנוֹגֵעַ דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אוֹיף דִי נְסִיעָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן, אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן עֶטְלִיכֶע ווִיכְטִיגֶע פְּרָטִים בְּנוֹגֵעַ דִי נְסִיעָה:

עֶרְשְׁטְנְס, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל זַיין אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, מִיר זָאלְן אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם מִיט דִי פֶּעקְלֶעךְ, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיף דִי וֶועג. מֶען דַארְף אַסַאךְ תְּפִלָּה אַלֶעס זָאל גֵיין ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָן תְּפִלָּה אִיז מֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה; מֶען קֶען זִיךְ גְרֵייטְן, אַלֶעס, אָבֶּער אוֹיב מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה - קֶען דִי גַאנְצֶע זַאךְ זַיין אֵיין גְרוֹיסֶע דוּרְכְפַאל; נָאר תְּפִלָּה, נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל תְּפִלָּה. הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען בְּשָׁלוֹם אִין אוּמַאן, קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן אוּן זִיךְ דָארְט קֶענֶען אוֹיסְגִיסְן מַיין הַארְץ, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן״.

צְוֵוייטְנְס זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; וֶוער עֶס פָארְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג): ״מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד״, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דְרִיטְנְס, עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט אָנְגֵיין דִי זַאכְן אַרוּם אוּן אַרוּם, דֶער עִיקָר קוּם קַיין אוּמַאן; וואוּ דַאוֶועגְן אוּן וואוּ אַיינְצוּשְׁטֵיין - דָאס אִיז נִישְׁט דֶער עִיקָר, דֶער עִיקָר זָאלְסְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן, זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## חֲתוּנָה מַאכְן אָן חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

מָארְגְן וֶועט זַיין אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ מִיטְוָואךְ; אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַלֶע וָואס קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט מַאכְן עֶסְן וְכַדוֹמֶה - זָאלְן זִיךְ מֶעלְדְן צוּ מָרַת ... תִּחְיֶ׳; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַנְטֵייל צוּ נֶעמֶען אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

נָאר מִיט דִי הִילְף פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן מִיר קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין קָרוֹב צוּ פוּפְצִיג חֲתוּנוֹת; שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר, פוּפְצִיג חֲתוּנוֹת אִיז הוּנְדֶערְט מְחוּתָּנִים; הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת הָאבְן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט בְּחִנָּם, אוּן נָאר מִיט דִי הִילְף פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אֵיינֶער מַאכְט אַ קֶעיק, אַ צְווֵייטֶער אַ סַאלַאט, אַ דְרִיטֶער אַבִּיסְל פְלֵייש אוּן קוּגְל אוּן מֶען קֶען חֲתוּנָה מַאכְן אָן חוֹבוֹת.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ אַלֶע פַארְן מִיר הֶעלְפְן טוּן אוּן אוֹיסְפִירְן מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס ווִילְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מֶען נֶעמְט דִיךְ נִישְׁט אָן אַלְס מְלַמֵד, וַוייל דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, לִינְדֶען**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאנְק טוּן אַז מֶען הָאט דִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד, זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען אַ נֵייעֶם מְנַהֵל וָואס הָאט נִישְׁט לִיבּ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים. עֶר הָאט מִיךְ אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן מַיין מְלַמְדוּת צוּלִיבּ בְּרֶסְלֶב, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען נֶעמְט דִיךְ נִישְׁט אָן אַלְס מְלַמֵד צוּלִיבּ דֶעם אַז דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט: ״רֶבִּי, מַיין קוּ - מַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער - אִיז מִיר גֶעשְׁטָארְבְּן״; דֶער אִיד הָאט פַארְמָאגְט אַ קוּ וֶועלְכֶע עֶר פְלֶעגְט מֶעלְקְן אוּן פַארְקוֹיפְן דִי מִילְךְ, פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט פַּרְנָסָה. אַיין צוּפְרִי קוּמְט עֶר אַרַיין אִין שְׁטַאל אוּן טְרֶעפְט זַיין קוּ טוֹיט אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר בַּאזָארְגְט וָואס גֵייט זַיין וַוייטֶער; דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט אִים גֶעוָואלְט בַּארוּאִיגְן, אָבֶּער דֶער אִיד וֵויינְט אוּן שְׁרֵייט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער וַוייל עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זָאגְט אִים דֶער חָפֵץ חַיִּים זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: ״דַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן עֶר וֶועט דִיר וַוייטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה; חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְרַאכְטְן אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ קוּ, נָאר דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט גֶעהַאט פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי קוּ אוּן יֶעצְט וֶועט קוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג״.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה, רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין פַאר אֵיין מִינוּט אַז דַיין פַּרְנָסָה קוּמְט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד בַּיי זֵיי, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען דֶער מְנַהֵל דַארְף אַלֵיינְס רַחֲמֵי שָׁמַיִם; פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף אַ בִּזָּיוֹן, זוֹיבֶּערְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז מִיר פָאהְרְן שׁוֹין קַיין אוּמַאן, מִיר פָאהְרְן אִינְאֵיינֶעם אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת מִיט אַלֶע קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאךְ צֶעבְּרֶעכְט מֶען אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

גֶעדֶענְק, דִי סוֹד כַּוָּנַת אֱלוּל אִיז "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", שְׁוַוייג אָפּ אוֹיף דַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת; נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל אוֹיסְזוֹיבֶּערְן דֶעם מֶענְטְשׁ - ווִי אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף אַ בִּזָּיוֹן. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין בִּזָּיוֹן, אוֹיבּ נִישְׁט מֶער, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה, צוּ בְּחִינַת אֶקְיֶה, צוּ בְּחִינַת כְּבוֹד אֱלוֹקִי, צוּ כ', כֶּתֶר (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ אֲרִיכוּת יָמִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אָט אָט פָארְט מֶען שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן, דָארְט וֶועלְן מִיר קֶענֶען אַרָאפְּלֵייגְן דִי שְׁוֶוערֶע פֶּעקְלֶעךְ.

בְּזֶה הָעוֹלָם פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת

אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דוּ דַארְפְּסְט מְתַקֵּן זַיין פוּן דֶעם גִּלְגּוּל אוּן פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע...

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנֶעשְׁכִיז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ אֲרִיכוּת יָמִים; וַוייל דֶער וָואס הָאט קַשְׁיוֹת אוּן ווִיל פַארְשְׁטֵיין דַּרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא - רוּפְט מֶען אַרוֹיף אוֹיבְן, דָארְט אִיז אַלֶעס קְלָאר".

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**גֵיין רֶעדְן אִין שׁוּלֶעס וָואס אִיז אֱלוּל אוּן וָואס אִיז תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְט אִיר גֵיין רֶעדְן אִין שׁוּלֶעס וָואס אִיז אֱלוּל אוּן וָואס אִיז תְּשׁוּבָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זְכוּת פוּן רֶעדְן פַאר מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּלְס, זֵיי וַוייזְן דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן ווִי גוּט אִיז צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

מֶען שְׁרֶעקְט צוּפִיל אָן דִי קִינְדֶער, בִּפְרַט אֱלוּל וַוארְפְט מֶען אַ פַּחַד, אוּן קְלֵיינֶע מֹחוֹת קֶענֶען עֶס אָנְנֶעמֶען נִישְׁט רִיכְטִיג, אוּן עֶס קֶען זַיין אַמָאל אַז מֶען וֶוערְט שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן אוּן מְיוּאָשׁ; מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן דִי רַחְמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז, ווִי שְׁטַארְק לִיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוּן ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע ווִילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז הַיינְט דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה וָואס אִיז דָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאכְן אִין דִי וֶועלְט. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, און וֶוער שְׁטֵייט אוּנְטֶער זֵייעֶר תּוֹרָה? דִי מְלַמְּדִים; קוּמְט אוֹיס אַז דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מְלַמְּדִים.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד שׁוֹין אִיבֶּער צְוָאנְצִיג יָאר, אִיךְ בִּין יָארְן צוּרִיק גְעוֶועז אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער פוּן דְרַייצְן יָאר, און דִי לֶעצְטֶע פוּפְצְן יָאר בִּין אִיךְ אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער פוּן דְרַייצְן בִּיז צְוָאנְצִיג יָאר, אוּ וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס אַ מְלַמֵּד אִיז, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז, וִויפִיל אַרְבֶּעט מֶען לֵייגְט אַרַיין טָאג בַּיי טָאג, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער - אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס טוּט זִיךְ יֶעצְט אִין דִי וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, בִּיז מֶען גֵייט מַמָּשׁ אַרָאפּ פוּן זִין. מֶען אַרְבֶּעט אַרוּם דֶעם טָאג פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, און אַזוֹי יֶעדְן טָאג, מֶען פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת און מֶען דֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, מֶענְטְשְׁן וֶוערְן מַמָּשׁ מְשׁוּגָע. אִיךְ בַּאקוּם יֶעדְן טָאג בְּרִיוו פוּן אִינְגֶעלַייט וִוי זֵיי שְׁרַייבְּן אַז אָט אָט צֶערַייסְן זִיךְ דִי נֶערְוֶועְן, זֵיי שְׁרֵייעֶן: "רַאטֶעוֶועט!" "גֶעוַואלְד!"

דָאס זָאל זַיין פַאר דִיר אַ שְׁטִיקֶל טְרֵייסְט אַז דַיין אַרְבֶּעט אִיז כָאטְשִׁיג הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע שָׁעוֹת - אִיז דַיינֶע, דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מִי און הָארֶעוַואנְיֶע - דָאס לֵייגְט מֶען אַוֶועק פַאר דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. זַיין אַ מְלַמֵּד, אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן - אִיז הַיינְט דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה וָואס אִיז דָא; הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ, לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער לְתוֹרָה וּלְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

**דִי קְלִיפּוֹת ווִילְן נִישְׁט נָאךְ אַ נְשָׁמָה זָאל מְקוּרָב װֶערְן צוּם צַדִּיק**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען פַּאטְשְׁט אוּן מֶען טַאנְצְט שׁוֹין "אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מֶען פְרֵייט זִיךְ, אָט אָט פָּארְט מֶען שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן; דָארְט װֶעלְן מִיר קֶענֶען אַרָאפְּלֵייגְן דִי שְׁוֶוערֶע פֶּעקְלֶעךְ, מִיר װֶעלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

אַנְטְלוֹיף פוּן אַלֶע לֵיצָנוּת אוּן לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים. ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מְנִיעוֹת וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בַּיים מְקוּרָב װֶערְן צוּם צַדִּיק, דִי קְלִיפּוֹת ווִילְן נִישְׁט נָאךְ אַ נְשָׁמָה זָאל מְקוּרָב װֶערְן צוּם צַדִּיק; בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁטָאפּ צוּ דִי אוֹיעֶרְן אוּן אַנְטְלוֹיף פוּן לֵיצָנוּת אוּן לָשׁוֹן הָרָע, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער אַז מֶען הֶערְט לֵיצָנוּת אוּן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף צַדִּיקִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "הַמְבַזֶּה תַּלְמִיד חָכָם, אֵין לוֹ רְפוּאָה לְמַכָּתוֹ", װֶער עֶס פַארְשֶׁעמְט צַדִּיקִים - אִיז נִישְׁטָא קַיין הֵיילוּנְג פַאר זַיין קְרֶענְק; וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קטז.): "כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ חוֹלֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ יֵלֵךְ אֵצֶל חָכָם", װֶער עֶס הָאט אַ קְרֶענְק זָאל גֵיין צוּם צַדִּיק, "וִיבַקֵּשׁ עָלָיו רַחֲמִים", אוּן עֶר װֶעט בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ רְפוּאָה; אָבֶּער אַז מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן צַדִּיקִים, מֶען רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים אוּן אוֹיךְ אַז מֶען הֶערְט לֵיצָנוּת אוֹיף צַדִּיקִים - בְּלַייבְּט מֶען מִיט אַלֶע קְרֶענְק, מֶען װֶערְט פַארְוָוארְפְן.

גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טוּ וָואס דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת הָאט גֶעטוּן װֶוען מֶען הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִים; אַלֶע הָאבְּן אִים מַדְחֶה גֶעוֶוען, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט" (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א), עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט; טוּ דָאס, אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִיר קֶעגְן צַדִּיקִים, מֶען שְׁפֶּעט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעמִישְׁט, אִיךְ בִּין אַזַא רַחְמָנוּת; פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת גֶעטוּן, אַזוֹיפִיל פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן יֶעצְט װֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטְרָאפְן

דֶעם צַדִיק וָואס קֶען מִיךְ הֵיילְן הֶער אִיךְ אַזֶעלְכֶע לֵיצָנוּת אוּן לָשׁוֹן הָרָע אַז אִיךְ הוֹיבּ אָן טְרַאכְטְן פוּן אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רְאֵה מְסוּכָּן כָּמוֹנִי, טוֹרֵף בְּלֵב יַמִּים, קוּק וִוי אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אִיךְ בִּין, אִיךְ זִינְק אִין שְׁטוּרֶעמִישֶׁע וַואסֶערְן, רַאטֶעוֶוע מִיךְ".

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר. לִיבֶּער בְּרוּדֶער וֶועק זִיךְ אוֹיף, גֶעדֶענְק דִי יָארְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאסְט גֶעבְּרֶענְט צוּ הֶערְן נָאךְ אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן, הָאסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען, יֶעצְט בִּיסְטוּ אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין אַ שְׁלָאף; וֶועק זִיךְ אוֹיף, מַה לְּךָ נִרְדָּם, קוּם קְרָא אֶל אֱלֹקֶיךָ.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַז דוּ פָארְסְט אוֹיף אוּמַאן, בִּיסְטוּ נִישְׁט קַיין רוֹדֵף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תָּבֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בְּרוּדֶער, וָואס פַארְלִירְסְטוּ זִיךְ, וֶוער נִישְׁט אוֹיס, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן; דוּ גֵיי וַוייטֶער דִי וֶועג וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ אוּן לָאז נִישְׁט מֶען זָאל דִיךְ מַאכְן פַאר אַ רוֹדֵף; עֶס זֶענֶען דָא שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ וֶועג צוּ רוֹדְפ'ן אַ צְוֵוייטְן בִּיז צוּם טוֹיט אוּן נָאךְ מַאכְן יֶענֶעם שְׁפִּירְן וִוי יֶענֶער אִיז גָאר דֶער רוֹדֵף.

אַז דוּ פָארְסְט אוֹיף אוּמַאן - בִּיסְטוּ נִישְׁט קַיין רוֹדֵף, אוּן אַז יֶענֶער זָאגְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ גֵיי שְׁטַארְבְּן" - הָאט דָאס נִישְׁט מִיט דִיר, דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מִידוֹת וָואס יֶענֶער דַארְף אוֹיסְאַרְבֶּעטְן.

אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר בַּאֲרִיכוּת הַדְּבָרִים פָּנִים בְּפָנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, גְלֵייבּ וַוייטֶער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין תְּפִלָּה**

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר פָארְן יֶעצְט קֵיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בַּיים צִיּוּן אִין אוּמַאן קֶענְסְטוּ פּוֹעֵל'ן דַיין שִׁידוּךְ; זָאלְסְט זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן בַּיים צִיּוּן, זָאלְסְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וִוי בִּיטֶער שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ זַיין אַ בָּחוּר, וִוי דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין פַאלְן, וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע פְּלַאקֶערְט אוּן עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין הֵיילִיג - וֶועסְטוּ פּוֹעֵל'ן דַיין שִׁידוּךְ.

אִיךְ ווִיל דִיר אָבֶּער זֵייעֶר בֶּעטְן, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, גְלֵייבּ וַוייטֶער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גְלֵייבּ וַוייטֶער אִין תְּפִלָּה; לָאז נִישְׁט דֶער שָׂטָן דִיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִי אֱמוּנָה אוּן דִיךְ אָפְּקִילְן פוּן תְּפִלָּה.

זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף קֵיין אֵיין טָאג אָן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**גָארְנִישְׁט מַאכְן אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים**

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הֶעלְף דַיין וַוייבּ, הֶעלְף אִין שְׁטוּבּ; גְלֵייבּ מִיר, דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע חֶסֶד וִוי הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אוּן אֲפִילוּ אַ גְרֶעסֶערֶע חֶסֶד.

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ, זִי אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן דִי קִינְדֶער, זִי

דַארְף דַיין הִילְף. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יב, י): "יוֹדֵעַ צַדִּיק נֶפֶשׁ בְּהֶמְתּוֹ", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וֵוייסְט וָואס זַיין מִשְׁפָּחָה דַארְף, עֶר הֶעלְפְט זֵיי אַלֶע, אֲפִילוּ אוֹיף דִי בְּהֵמוֹת הָאט עֶר רַחְמָנוּת, "וְרַחֲמֵי רְשָׁעִים אַכְזָרִי", אוּן דִי רַחְמָנוּת פוּן רְשָׁעִים אִיז אַכְזָרִיוּת'דִיג, וַוייל זֵיי הָאבְּן רַחְמָנוּת דָארְט וְוי מֶען דַארְף נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִין שְׁטוּב אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - אִיז מֶען אַן אַכְזָר, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לָאז אַלֶעס אָפּ, מַאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן אוֹיף דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ דַארְף גֵּיין צוּ דִי בָּחוּרִים.

זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

...

**זַיי זִיךְ מְקַבֵּל אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שׁוּם שִׁידּוּךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

דְרַאפֶּע זִיךְ, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר - דֶערְהַאלְט זִיךְ; אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, דוּ וַוארְטְסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דַיין שִׁידּוּךְ, עֶס אִיז דִיר פִינְסְטֶער, עֶס זֶעט אוֹיס וְוי דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט טְרֶעפְן דַיין שִׁידּוּךְ, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַאֵשׁ, בְּלַייבּ מִיט אֱמוּנָה, בְּלַייבּ מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, וּבִזְכוּת הָאֱמוּנָה וֶועסְטוּ זֶען בְּקָרוֹב דַיין יְשׁוּעָה.

מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן, אִיךְ בֶּעט דִיר, קוּם צוּם רֶבִּי'ן מִיט דִי זֶעלְבֶּע אֱמוּנָה וְוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן, לָאז זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס מַאכְט דִיךְ טְרַאכְטְן: 'וָואס אוּמַאן? וֶוען אוּמַאן?' שׁוֹין צֶען יָאר וָואס דוּ פָארְסְט יֶעדֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יֶעדֶע יָאר מֵיינְסְטוּ אַז יֶעצְט גֵייסְטוּ שׁוֹין אַ חָתָן וֶוערְן, אוּן נָאכְאַלְץ בִּיסְטוּ עֶלְנְד, אַזוֹי אַלֵיין, 'מִן הַסְתָּם דִי יָאר וֶועט זַיין דִי זֶעלְבֶּע'... צֵא טָמֵא! פַארְטְרַייבּ דִי טְרֵיפָה'נֶע מַחֲשָׁבוֹת, גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה

שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס פַאר דִיר אוּן דוּ וֶועסְט יֶעצְט שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל מִיט אַן עֶרְנְסְטֶע קַבָּלָה אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּזָאגְן קֵיין שׁוּם שִׁידוּךְ, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁט בַּאשֶׁערְט - זָאל מֶען עֶס אָפְּזָאגְן פוּן דִי אַנְדֶערֶע צַד.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, פִּיר מִיךְ אוֹיפְן אֱמֶת׳ן וֶועג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תָּבֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַיין הַארְץ שְׁפִּירְט אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מִיר, מִן הַסְּתָם הָאסְטוּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען לָשׁוֹן הָרָע. עֶס אִיז אַ שָׁאד זָאלְסְט זִיךְ אָפְּקִילְן פוּן אַזַא חֲבוּרָה וָואס מֶען לֶערְנְט אֱמוּנָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אַ שָׁאד צוּ פַארְלִירְן אַזוֹיפִיל גוּטְס, אַזוֹיפִיל נִצְחִיּוּת.

עַל כָּל פָּנִים, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - דָאס לָאז נִישְׁט אָפּ; גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת אוּן שְׁרֵיי: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, פִּיר מִיךְ אוֹיפְן אֱמֶת׳ן וֶועג, וִוי קֶען אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ נַאר זִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְפִירְט וֶוערְן, הוֹרֵינוּ ה׳ דַּרְכֶּךָ, אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט בֵּייז אוֹיף דִיר, אַדְרַבָּה, אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין הַצְלָחָה, אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ פַאר מִיר, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן אוּן זִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְפִירְן, אִיךְ וַוארְט אוֹיף יְשׁוּעַת הַשֵּׁם.

...

**אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, וֶועסְטוּ אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין פוּנֶעם גַּאנְצְן יָאר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט שַׁבָּת, שַׁבָּת וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט נָאךְ מֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען וֶוערְט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ זַיין אַ גַּאנְץ שַׁבָּת פְרֵיילִיךְ.

עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְן צְוֵויי שַׁבָּתִים דִי יָאר, מִיר קֶענֶען אִין דִי צְוֵויי שַׁבָּתִים פַארְרֶעכְטְן אַלֶע שַׁבָּתִים פוּן דִי יָאר; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, דוּ וֶועסְט זַיין בְּשָׁלוֹם - וֶועסְטוּ אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין פוּנֶעם גַּאנְצְן יָאר.

קוֹיף אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר דַיין וַוייבּ אַז זִי שִׁיקְט דִיךְ צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אִין דִי אֱלוּל טֶעג דַארְף מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שִׂמְחָה אִין דִי גַּאנְצֶע שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן וואוּ אַלֶע קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע מְנִיעוֹת אוּן מִיט תְּפִלָּה וֶועלְן מִיר אַלֶע אִיבֶּערְקוּמֶען אוּנְזֶערֶע מְנִיעוֹת; דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי מְנִיעוֹת.

מְנִיעוֹת אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ. נֶעכְטְן בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סו) אַז מְנִיעוֹת אִיז נָאר לְהַגְדִּיל הַחֵשֶׁק, צוּ מַאכְן דִי חֵשֶׁק גְרֶעסֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער; דֶערִיבֶּער פְּלֶעגְן אוּנְזֶערֶע לַייט דַאוֶועגֶען מֶען זָאל אִיבֶּערְקוּמֶען דִי מְנִיעוֹת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט מֶען זָאל בִּכְלָל נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְנִיעוֹת, וַוייל בְּעֶצֶם דִי מְנִיעָה אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, עֶס מַאכְט אַזוֹי בֶּענְקֶען, הָאפְּן אוּן וֶועלְן, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן כֹּחַ דָאס צוּ קֶענֶען בֵּייקוּמֶען.

טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אֵייךְ, זַייט נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְנְ'ס עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, יֶעדֶער זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין דַרְגָּא אוּן נִישְׁט זָארְגְן פַאר אַ צְוֵוייטְנְ'ס רוּחָנִיּוּת, (אִיךְ מֵיין נִישְׁט דִי גַבָּאִים וָואס דַארְפְן זָארְגְן אַז דִי שׁוּל זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ). אַז מֶען זֶעט שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַנְדֶערֶע אִיז דָאס דִי אֵייגֶענֶע חִסָּרוֹן, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "וֶוען אִיךְ זֶע שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַנְדֶערֶע; אָדֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ נָאכְנִישְׁט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אָדֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, וָואלְט אִיךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען - וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶענֶעם".

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶס פְלֶעגְט זַיין בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס פְלֶעגְן עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי וָואס קוּמֶען מִיט מוּסָר: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ, לָאזְט מִיר אַרְבֶּעטְן אוֹיף מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס אִיז מַיין מִצְוָה, בִּיטֶע זָארְגְט נִישְׁט פַאר מִיר"; אַז אַלֶע פוּן אַייךְ וֶועלְן אָפְּלָאזְן יֶענֶעמְ'ס עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען וֶועט נִישְׁט זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס עֶרְלִיכְקֵייט - וֶועט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּנְז נִישְׁט קֶענֶען צֶעטֵיילְן, מִיר וֶועלְן בְּלַייבְּן צוּגֶעקְנִיפְּט צוּם רֶבִּי'ן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, אִין דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי אֱלוּל טֶעג וֶוען מֶענְטְשְׁן פַארְדְרֵייעֶן דִי יוֹצְרוֹת, מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף אָנְשְׁרֶעקְן מִיט עוֹנְשִׁים אוּן מִיט צָרוֹת, דַארְף מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שִׂמְחָה אִין זִיךְ אוּן אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ מָאנְטָאג נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, חַ"י אֱלוּל - גֶעפַאלְט דִי

גֶעבּוּרְטְס טָאג פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוּיפְגֶעטוּן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ חַיּוּת אִין אֱלוּל. אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט הָאט מֶען תְּשׁוּבָה גֶעטוּן פוּן פַּחַד פוּן עוֹנְשִׁים, מֶען הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן נִישְׁט רִיכְטִיג, נָאר פוּן צִיטֶערְן פוּן בִּיטֶערֶע פַּיין, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט חַ"י אֱלוּל - אַ 'חַיּוּת' אִין 'אֱלוּל', מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן פוּן לִיבְּשַׁאפְט. דֶער דֶרֶךְ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, אוּן דֶרֶךְ הַמּוּסָר אִיז תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה; חַ"י אֱלוּל - אַ חַיּוּת אִין אֱלוּל.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, מִיר קוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן, מִיר מוּזְן זִיךְ רֵיינִיגְן אוּנְזֶער הַארְץ, אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע פִּינְטְלֶעךְ וָואס מֶען הָאט אִין הַארְץ אוֹיף אַנְדֶערֶע. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט וֵויינֶען בַּיי תְּקִיעַת שׁוֹפָר: "אוֹיב גֶעפִינְט זִיךְ אֵיינֶער אִין שׁוּל וָואס הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן - זָאל עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן שׁוּל"; עֶס אִיז גֶעוֶועןְ אַזַא הִתְעוֹרְרוּת, מִיר אַלֶע הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן מִיט אוּנְזֶער גַאנְצֶע הַארְץ.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מַיינֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, מִיר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, לָאמִיר קוּמֶען מִיט דִי שִׂיחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס הֶערְשְׁט צְוִוישְׁן אַייךְ; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אָן אַ שִׁיעוּר בְּרִיוו אוּן גֶעוֵויינְט אַז יֶעדְן דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן אָבֶּער דֶעם דִיבּוּר - נָאכְנִישְׁט; וִויפִיל הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַז אִין "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" זָאל מֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם דִיבּוּר.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ תִּיקוּנִים מֶען אִיז זוֹכֶה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, עֶס אִיז דָא סוֹדוֹת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן דֶערְפוּן, סוֹד ה' לִירֵאָיו - וָואס דֶער צִיּוּן טוּט מִיטְן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט אַ פְּגַם וְכוּ', הוֹרָתוֹ שֶׁלֹּא בִּקְדוּשָּׁה, עֶר הָאט אַ פְלֶעק וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זִיךְ, אָבֶּער בַּיים רֶבִּינְ'ס

צִיּוּן קֶען מֶען דָאס אוֹיךְ פַארְעֶכְטְן, (עֶס אַז אַ סוֹד וָואס מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אָפְּן דֶערְפוּן); דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר קוּמֶען צוּ אַזַא מָקוֹם קָדוֹשׁ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ אַזוֹי צוּ עֶנְק, אִיךְ וִויל עֶנְק אַזוֹי טְרֶעפְן אִין אוּמַאן, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אוֹיף דִי שִׂמְחָה, אוֹיף דִי בְּרָכוֹת פוּן שֶׁהֶחֱיָנוּ; אַלֶע יָארְן אִין אוּמַאן פְלֶעגְט זַיין אַזֶעלְכֶע שִׂמְחוֹת אוּן רִקוּדִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁהֶחֱיָנוּ!" אַ טֵייל הָאבְּן גֶעמַאכְט אֲפִילוּ דִי בְּרָכָה פוּן מְחַיֶּה הַמֵּתִים; וְנִזְכֶּה וְנִחְיֶה וְנִרְאֶה.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, כַאפְּט אַייךְ אַרִיבֶּער קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש אוּן דַאוֶונְט דָארְט, זַייט אַייךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד. עֶס אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, מַיין הַארְץ בֶּענְקְט אַזוֹי אַהִין צוּ קוּמֶען, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט אַזַא הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אוּן זַייט מִיר אוֹיךְ מַזְכִּיר לְטוֹבָה, יוֹאֵל בֶּן רֵייצֶא רֶעכְל.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וָואס טוּט מֶען בַּיים אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן אִין אוּמַאן?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן וְכוּ׳; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען דוּ קוּמְסְט אַרַיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, בַּיים צִיּוּן - זָאלְסְטוּ צוּגֵיין צוּם צִיּוּן אוּן גֶעבְּן אַ קִישׁ, זָאלְסְט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה, זָאגְן "הֲרֵינוּ מְקַשֵּׁר עַצְמִי" אוּן אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - שְׁטַייט, וָוארְט בַּיי וָוארְט.

וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן, שְׁטַייטְלִיךְ וָוארְט בַּיי וָוארְט. זָאלְסְט מַאכְן הִשְׁתַּטְחוּת אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין

װען דו ענדיגסט מיט די װדוי און מיט די בקשות - זאלסטו אנהויבן ספר תהלים, און אז דו װעסט קענען ענדיגן גאנץ תהלים - איז דאס זייער א גרויסע זאך, און אז נישט - זאלסטו נישט װערן מבולבל.

אויב דו קענסט - זיי מיך מזכיר ביים ציון, די טובות װאס דו האסט באקומען פון מיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

...

## בענקען, גלוסטן, און האפן, אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן אין אומאן

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת נצבים וילך, י"ח אלול, שנת תשפ"ג לפרט קטן לכבוד ... נרו יאיר

חסדי השם מיר פארן שוין אט אט צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן אויף ראש השנה; וויסן זאלסטו, כדי אנצוקומען צום רבינ'ס ציון - איז דער עיקר דאס בענקען און גליסטן, בענקען און האפן - נאר אזוי קומט מען אן, און נאר אזוי איז מען זוכה צו מקבל זיין די תיקונים.

געוואוין זיך צו צו זאגן יעדן טאג נאך שחרית די תיקון הכללי, און אז דו קענסט גיין אין א ליידיגע פלאץ זיך גוט אויסקרעכצן, זיך גוט אויסשרייען, א פלאץ וואו קיינער װעט נישט הערן דיינע קולות - שריי זיבעציג מאל, ע' קלין: "רבונו של עולם העלף מיר, רבונו של עולם האב אויף מיר רחמנות, רבונו של עולם נעם מיך ארויס פון שאול תחתית, רבונו של עולם זיי מיר מוחל אויף מיינע חטאים, עוונות ופשעים, איך טו תשובה מיט אן אמת"; אזוי זאלסטו שרייען זיבעציג מאל בקולי קולות - װעסטו זוכה זיין צו װערן א נייער מענטש.

נאכדעם דורכן טאג זאלסטו נאר זיין פרייליך, טון װאס דו האסט צו טון, דאװענען און לערנען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### קוּם קַיין אוּמַאן, פוּן וֶועם הָאסְטוּ מוֹרָא?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין, רֹאשׁ הַשָּׁנָה; בַּיי אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵעֲדוֹת הַמִּזְרָח זָאגְט מֶען שׁוֹין אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ סְלִיחוֹת, בַּיי אוּנְז הוֹיבְּט מֶען אָן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת. יֶעצְט זָאגְן מִיר אַ קְלֵיינֶעם סְלִיחוֹת, לְדָוִד ה׳ אוֹרִי וְיִשְׁעִי.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט צֶעבְּרֶעכְן דַיינֶע מְנִיעוֹת אוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם דוּ הָאסְט מוֹרָא, קֵיינֶער פוּן זֵיי קֶענֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אִיז וָואס הָאסְטוּ צוּ קוּקְן אוֹיף בֶּערְל, שְׁמֶערְל, חַצְקֶל, גְרוֹנָם; טוּ וָואס אִיז גוּט פַאר דַיין נְשָׁמָה, פַאר דַיין עָתִיד, פַאר דַיין נִצְחִיוּת; כַאפּ דַיין טַלִית אוּן תְּפִילִין אוּן קוּם צוּם רֶבִּי׳ן זָאל דִיךְ מְתַקֵּן זַיין.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: ״דַאנְקֶען גָאט אַז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז יוֹם כִּיפּוּר, בֶּעט מֶען זִיךְ אִיבֶּער אוּן מֶען אִיז זִיךְ מוֹחֵל אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן״.

בְּרוּדֶער, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בַּאנֵיי זִיךְ מִיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), מַאךְ זִיךְ אַ צִיל צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, פָאלְג דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנד): ״אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעווּיסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִיס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ

מִיר און פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ מִיר און מִיךְ גֶעפָאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דַרְגָּא אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ לָאזְט נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

רַייס נִישְׁט אַיין מִיט דַיין וַוייבּ; אַז דִי סְטְרַאשֶׁעט מִיט אַ גִּימֶל טֵית - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט קְרִיגְן. רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין, זָאג אִיר וֵוייכֶערְהֵייט: "מַיין לִיבֶּער וַוייבּ, וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר? פַארְוָואס רוֹדֵפְ'סְטוּ מִיךְ, פַארְוָואס זֶענֶען דִיר דִי שְׁכֵנִים מֶער וֶוערְד ווִי מִיר? פַארְוָואס זֶענֶען דִי שְׁוֶועגֶערִינְס וָואס לַאכְן און שְׁפֶּעטְן - מֶער חָשׁוּב פַאר דִיר ווִי מִיר? אִיךְ ווִיל פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס גֶעבְּט מִיר חַיוּת און לֶעבְּן, אִיךְ ווִיל טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר און פַאר דִיר"; רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין און וֵוייךְ און חַס וְשָׁלוֹם אִיר וֵויי טוּן, חַס וְשָׁלוֹם רֶעדְן צוּ אִיר שְׁטֶעכֶעדִיג.

מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ און מַאךְ דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פְרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", און אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כֹּחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת און קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה. און דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה

שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אַ מַעֲמָד הַסִּיוּמִים אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר פָארְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ צוּם רֶבִּי'ן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט מִיט זַיינֶע אוֹצְרוֹת, מִיט זַיינֶע סִיוּמִים; אִיךְ הָאף מִיר וֶועלְן מַאכְן אַ מַעֲמַד הַסִּיוּמִים אִין אוּמַאן, אַלֶע וֶועלְן קוּמֶען מְסַיֵּים זַיין וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - לֶערְנֶען שְׁנֶעל כְּסִדְרָן.

דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, פוּנֶעם שְׁוַואכְסְטְן קָאפּ בִּיזְן טִיפְסְטְן קָאפּ; דֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט לֶערְנֶען - פַאר אִים זָאגְט דֶער רֶבִּי: "רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ. וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן פַאר דֶעם וָואס וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, נִיטְאַמָאל דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת - פַאר אִים זָאגְט דֶער רֶבִּי: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין"; דֶער רֶבִּי וִויל אֵיין זַאךְ: מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען, צוּלִיבּ דֶעם אַז מֶען וִויל בֶּעסֶער לֶערְנֶען.

אִיךְ וִויל נִישְׁט זִיךְ טַעֲנָה'ן מִיט דִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ דִי נַארִישֶׁע זַאכְן וָואס דוּ טַעֲנָה'עֶסְט, אִיךְ קֶען דִיר אָפְּשְׁרַייבְּן דִי וֶוערְטֶער פוּן

רֶבִּי'ן און דו אַלֵיין וֶועסְט זֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, און אַז דו ווִילְסְט בְּלַייבְּן מִיט דַיין עַקְשָׁנוּת - אִיז דָאס דַיין פַּארְלוּסְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל און נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשָׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בַּתְּחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", און אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ - וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט רֶבִּי נָתָן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", און בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי

לְתַאֲבָה", ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט ווַייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ', "אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ, וּמִדְרָשִׁים, וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם

שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שָׁם.

מִיר וֶועלְן זִיךְ זֶען אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווַיין בַּיים צִיּוּן גֶעראַטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּנֶעם בְּרֶענֶענְדִיגְן יֵצֶר הָרָע

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֹשֶׁה אֵלִיָּ'. אִין אָנְהוֹיב וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן - אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט, עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין נִיאוּף, אִין אָרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִפָּה (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמב). יֶעדֶע מָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיּוּן הָאט עֶר אַזוֹי גֶעוֵויינְט בַּיים צִיּוּן בִּיז דֶער עֶרְד פוּן צִיּוּן אִיז נַאס גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע טְרֶערְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן דִי פֵייעֶר פוּן נִיאוּף, פוּן דִי שִׁבְעִים מְדוֹרִין, כְּלָלִיּוּת הַתַּאֲוֹת, כְּלָלִיּוּת שִׁבְעִים אוּמוֹת, פוּן תַּאֲוֹת נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן", אוּן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן זַיינֶע תַּאֲוֹת. הֲגַם אִין אָנְהוֹיב הָאבְּן אִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מְרַחֵק גֶעוֶוען, אָבֶּער עֶר הָאט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקוּקְט, עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעקוּמֶען צוּם צִיּוּן אוּן גֶעוֵויינְט דָארְט, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיסְצוּלַייטֶערְן.

פַארְשְׁטֵיי וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן דִי וָואךְ וָואס דוּ וֶועסְט זַיין אִין אוּמַאן; זָאלְסְט גֵיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם צִיּוּן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי פֵייעֶר פוּן נִיאוּף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיךְ נִישְׁט גֵיין קַיין אוּמַאן - זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אִיר שֵׁיין; חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵויי טוּן, חַס וְשָׁלוֹם שְׁטֶעכְן מִיט וֶוערְטֶער אָדֶער פַארְשֶׁעמֶען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָבֶּער נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, אָן שָׁלוֹם בַּיִת פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר ווִיכְטִיג, וַוייל וֶוער עֶס הָאט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט אַנְדֶערֶע מוֹחִין". רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאבְּן אִים חֲבֵרִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל פַארְקוֹיפְן זַיין וַוייבְּ'ס טִיכְל. דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוערְד אַסַאךְ גֶעלְט, עֶס הָאט גֶעהַאט אַרַיינְגֶענֵייט אִין זִיךְ שֵׁיינֶע טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן גֶעלְט צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן. אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט דָאס טוּן - וֶועט דָאס עֶרְגֶער מַאכְן דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי חֲבֵרִים.

שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דִי חֲבֵרִים, עֶר הָאט נִישְׁט וֵויי גֶעטוּן זַיין וַוייבּ; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וָואלְט אִיךְ וֶוען פַארְקוֹיפְט אִיר טִיכְל וָואלְט גֶעוֶוען נָאכְדֶעם אַ גֶט - וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי'ן"; וַוייל דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט קֶען מֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מִיט אַ הֵיילִיגֶע מֹחַ, אוּן דָאס גֵייט נָאר אַז מֶען אִיז אַן אָדָם הַשָּׁלֵם.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מִיטְנֶעמֶען דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע קְלֵיידֶער קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַּאק זִיךְ אַיין דִי שֶׁענְסְטֶע קְלֵיידֶער, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט קַטְנוּת הַדַעַת פוּן מִיט נֶעמֶען וִוי וֶוייניגֶער אוֹיפְן וֶועג כְּדֵי זִיךְ גְרִינְגֶער מַאכְן; אָן אַ הוּט, אָן אַ שְׁטְרַיימְל, אָן בֶּעקִיטְשֶׁעס; פַּארְגֶעס נִישְׁט, מִיר פָּארְן צוּם רֶבִּי׳ן, דַארְפְן מִיר קוּמֶען מִיט דִי בִּגְדֵי מַלְכוּת; עֶס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְפְן מִיר זִיךְ אָנְטוּן מִיט דִי שֶׁענְסְטֶע קְלֵיידֶער.

בְּרֶענְג זִיךְ אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, מִיר פִירְן זִיךְ צוּ גֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוייס; אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, אַ וַוייסֶע קַאפְּל, בְּרֶענְג זִיךְ מִיט שֵׁיינֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע שִׁיךְ, אַלֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע וֶועשׁ.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיטְנֶעמֶען סְפָרִים פַּאר דִי מְפִיצִים, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ הֶעלְפְן דִי מְפִיצִים, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אַז דִי פֶּעקְלֶעךְ זָאלְן אָנְקוּמֶען. אַז דוּ קֶענְסְט קוּמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת א׳ סְלִיחוֹת נֶעמֶען אַ זֶעקְל סְפָרִים אוּן דָאס בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן אוּן דָאס מִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן.

בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיוּן קֶען מֶען פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע. מוֹהֲרְנַ״ת זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: ״אַז מֶען עַקְשְׁנְ׳ט זִיךְ בַּיים צִיוּן, קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ׳ן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶער

## תְּשׁוּבָה טוּן מִיט שִׂמְחָה

עֶס אִיז שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר יֶעדְן טָאג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חָלוֹמְ׳ט זִיךְ וִוי עֶר זוּכְט אַ שְׁטוּב צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן.

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט דֶער רֶבִּי קוֹלוֹת פוּן זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, עֶר זֶעט אַ שְׁטוּב וואוּ מֶען אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דָארְט, עֶר גֵייט נֶענְטֶער אוּן קוּקְט אַרַיין אִין פֶּענְסְטֶער, עֶר זֶעט וִוי מֶען טַאנְצְט, מֶען פַּאטְשְׁט אוּן מֶען זִינְגְט.

הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״בַּיי דֶעם שְׁטוּב אִיז גוּט צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן, אִין דֶעם שְׁטוּב וֶועל אִיךְ אַרַיינְגֵיין״; וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דֶעם חָלוֹם וַוייל דֶער רֶבִּי ווִיל אוּנְז לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר זָאלְן וֵוייְנֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, נִישְׁט וֵוייְנֶען פוּן טְרוֹיעֶרְקֵייט אוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט, מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.



דָא אִיז גוּט צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן